

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## ויקהל

# א שבת'דיגע משכן

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת ויקהל

# א שבת'דיגע משכן

דער טאטע מיט'ן אכט יעריגער חיים האבן אינאיינעם אהיימגעשפאנט פון שול.

"חיים, האסט אפשר א שיינע ווארט צו זאגן ביים שבת טיש?" האט דער טאטע געפרעגט.

"איך בין נישט זוכער, הממ... איך האב עכט נישט צופיל צו מחדש זיין. ווייסט דאך, א גאנצע וואך האט מען נאר געלערנט פון די פרטים פונעם משכן - פון די רינגעלעך און העקעלעך וואס זענען געווען באהאפטן ביים עק פון די פורהאנגען און אלעס איבער די מילגרוימען און גלעקלעך פונעם כהן גדול'ס בגד. דער רבי האט אונז געוויזן קאלירטע בילדער פון די אלע כלים און בגדי כהונה און רבי וויינגארטן, דער כתה ב' מלמד האט געמאכט פאר די גאנצע תלמיד תורה, א פארשטעלונג פון די בגדי כהונה. איך פארשטיי עס יעצט אסך בעסער אבער איך ווייס נישט אויב איך קען איבערזאגן א דבר תורה פון די שרויפלעך און רינגעלעך..."



איך האב א גוטע עצה, חיים! אפשר זאלן מיר צוזאמען צוגרייטן א דבר תורה אז דו זאלסט האבן וואס איבערצוזאגן ביים שבת טיש? מאמי וועט שעפן נחת, זי האט זייער הנאה צו הערן פון דיר דיינע דברי תורה.

קום צוזאמען טראכטן. דו קענסט זיך דערמאנען עפעס וואס דו האסט געלערנט אין אנהייב פון פרשת ויקרא וואס קען מעגליך אויסזען אז ס'איז נישט אין פלאץ? פאר די תורה הייבט אן די פסוקים וואו מען

רעדט פונעם משכן איז דא נאך פסוקים.״ האט דער טאטע אנגעהויבן צו טראכטן פון א דבר תורה.

״אה יא, גערעכט, מיין רבי האט טאקע גערעדט דערפון. אין די ערשטע פאר פסוקים ברעגט די תורה גאנץ אן אנדערע ענין - די פרשה הייבט זיך אן מיט פסוקים פון שבת,״ האט זיך חיים געכאפט.

״מיין רבי האט אונז געזאגט אז ווען משה רבינו האט איינגעזאמלט די אידן זיי צו לערנען איבער דער בנין המשכן האט ער זיי די ערשטע זאך געווארענט איבער שמירת שבת. און מיין רבי איז מסביר אז משה רבינו האט געוואלט אנזאגן די אידן אז ס׳איז אסור צו טון סיי וועלכע מלאכה אום שבת אפילו פאר׳ן משכן.

״פונקט אזוי,״ האט דער טאטע צוגעשטומט. לאמיר זאגן אז ס׳איז פרייטאג נאכמיטאג און איך האלט אינמיטן נייען די פרוכת פאר׳ן משכן. איך האלט שוין ביי די לעצטע פאר שטעכעס, נאך א האלבע מינוט און דער פרוכת איז גרייט צו ווערן אויפגעהאנגען ביים ארון. אבער נאך א האלבע מינוט, און סאיז שבת! אוי, זיכער נישט! איך קען נישט יעצט ענדיגן דער פרוכת!

די פרוכת וועט נישט זיין גרייט אין צייט; דער משכן וועט נישט זיין גרייט! איך וויל אזוי שטארק ענדיגן די ארבעט, אויב איך טו נאך איין קלייניגקייט וועט דער פרוכת זיין גרייט און מען וועט שוין קענען אנהייבן צו טון דער עבודה אין בית המקדש!

ניין!״ זאגט דער אויבערשטער, לאז מיין הויז יעצט אין זייט און דו מאך נאר זיכער אז דיין הויז איז גרייט פאר שבת! יעצט איז דיין הויז מער וויכטיג ווי דער משכן!

איך דערמאן זיך יעצט א מעשה וואס האט פאסירט אין די צייטן פון דער הייליגער בריסקער רב זצ״ל. די ריפארמער האבן געוואלט איבערנעמען די רבנות פון שטאט. עס איז געווען באשטומט אז שבת אינדערפרי, נאכ׳ן דאווענען וועט פארקומען וואלן צווישן דער בריסקער רב און דער ריפארמער ראבינאר. די ערליכע אידן פון שטאט האבן געדריקט צעטלעך צו קאמפיינען פאר׳ן בריסקער רב. אין יענע צייט האט גענומען זייער לאנג ביז מען האט עפעס געקענט דרוקן. די צעטלעך זענען פארטיג געווארן א האלבע שעה פארן זמן. יעצט האט מען געדארפט ארומלויפן איבער׳ן שטאט אויפצוהענגען די צעטלער וואס שטייט אז מען זאל ח״ו נישט וועלן פאר דער ריפארמער ראבינאר. אבער דער בריסקער רב האט געהייסן אז מען זאל אפברענגען אלע צעטלעך צו אים אין שטוב, קיין איין צעטל זאל נישט בלייבן ביים דרוק! ער האט געוואלט מאכן זיכער אז קיינער זאל זיך נישט דערוואגן צו הענגען אפילו איין צעטל אזוי נאנט צו שבת!

״הייליגער רב, אידישקייט איז אין א סכנה, האבן די תלמידים געטענ׳ט, ״אויב די רעפארמער געווינען די וואלן וועלן זיי אפפירן אלע אידן פון שטאט!״

אבער דער בריסקער רב האט זיך געהאלטן ביי זיינס, שמירת שבת קומט פאר אלעס!" די תלמידים האבן געפאלגט און געברענגט אלע צעטלעך צום בריסקער רב אין שטוב.

און נאכ'ן זמן האט מען נאך געזען די ריפארמער הענגען זייערע צעטלעך איבער די גאסן. דעמאלטס האבן אלע שטאט-מענטשן זיך געכאפט מיט וועמען זיי האבן דא צוטון. אויב האט איינער נאך געקלערט צו 'וואוטן' פאר דער ראבינאר האט ער שוין יעצט געטוישט זיין מיינונג. און דער בריסקער רב האט טאקע געווינען די וואלן.

"טאטי, דאס איז א שיינער דבר תורה, אבער איך פארשטיי נישט, פארוואס שבת איז גרעסער ווי דער משכן? איך פארשטיי אז שבת איז טאקע זייער חשוב און הייליג אבער מיר האבן עס יעדע וואך!"

"דו פרעגסט גוט, חיים. איך וועל דיר איבערזאגן וואס איך האב געזען אין א ספר פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל. ער ברענגט דארט אז דער אויבערשטער וויל אונז לערנען א וויכטיגע לימוד דא, אז דער שבת איז אזוי הייליג אז עס שטייגט איבער דער משכן!

דערפאר געבן מיר זיך איבער מיט צייט און כח פאר די הכנות צום שבת. פרייטאג נאכמיטאג איז מען אין יעדע אידישע הויז פארנומען ביז איבער'ן קאפ צו אויפרוימען דאס הויז. ווען דו און ישראל פאראמען ענקער צומער לכבוד שבת, מאכן ענק גרייט דער משכן לכבוד שבת. און ווען מרים און חנה גאלדי דעקן שיין דעם שבת טיש מאכן זיי גרייט דער שלחון אונעם משכן.

און ווען מיר טוען זיך אן אין בגדי שבת און מיר עסן די געשמאקע מאכלי שבת וואס מאמי גרייט צו, טוען מיר דאס נאר דערפאר וואס מיר זענען אין די הייליגסטע פלאץ פון די גאנצע וועלט. אין די פיר און צוואנציג שעה פון שבת איז אזוי ווי מיר וואוינען אין דער משכן.

יעצט ווען מיר וועלן אהיימקומען וועלן מיר שפירן ווי אונזער הויז איז אינגאנצן אנדערש ווי א גאנצע וואך - ווייל ס'איז טאקע אנדערש. די שבת ליכט ברענט, די הויז איז שמעקעדיג און ריין, יעדענ'ס פנים שיינט מיט א העכערע שיין. ווייל מיר זענען נישט אין א וואכעדיגע הויז נאר אין די הייליגסטע פלאץ פון די גאנצע וועלט. מיר געפונען זיך אין דער משכן השם!

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3